בס"ד

בס"ד

גליון 30

# דעם רבינ'ס מעשיות

## ספורי מעשיות משנים קדמניות מרבינו נחמן מברסלב זיע"א

# די מעשה מיט די בחינות

## באידיש

## מַעֲשֶׂה י"ג

## פוּן "דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶעְרְס" (1)

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה,
און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ "מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת", לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִיש - אָן צוּ פַּארֶענְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע"ו פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א, אוּן פוּנֶעם צְוֵויייטְן דְרוּק שְׁנַת תר"י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז"ל / דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א / דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' בִּלְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

[וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵייְלְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי 'זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס', הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוּמְגֶערֶעדְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם דָאזִיגְן מַעֲשֶׂה - אוּן עֶר הָאט דַאן גֶעזָאגְט: "**אַז מֶען וָואלְט גֶעמֶעגְט פָּארְן קַיין 'בְּרָאד', אוּן אַרַיינְגֵיין דָארְט אִין 'שׁוּהְל', אוּן זָאגְן פַארְן 'שַׁמָשׁ', אַז עֶר זָאל צוּזַאמְנֶעמֶען דֶעם עוֹלָם צוּ אַ 'דְרָשָׁה' - אוּן מֶען זָאל קְלַאפְּן אוֹיפְן טִישׁ** (וִוי עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט פַאר אַ דְרָשָׁה, כְּדֵי שְׁטִיל צוּ מַאכְן דֶעם עוֹלָם), **אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי דָאזִיגֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס"!**]. (חַיֵי־מוֹהֲרַ"ן סג)

## פֶּרֶק א - דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ'

**[אוֹת א] אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵייְלְן: "וִויאַזוֹי מְ'אִיז אַמָאל 'פְרֵייְלֶעךְ' גֶעוֶוען".**

[וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵייְלְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי 'זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס', הָאט עֶר דַאן גֶעזָאגְט מִיטְן דָאזִיגְן לָשׁוֹן: "**אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵייְלְן וִויאַזוֹי מְ'אִיז אַמָאל פוּן אַ 'מָרָה־שְׁחוֹרָה' 'פְרֵייְלֶעךְ' גֶעוָוארְן**"]. (חַיֵי־מוֹהֲרַ"ן סג; חָכְמָה־וּתְבוּנָה טו)

**מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ'!** - [אוּן] **דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט אַ 'בֶּן־יָחִיד'! - הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעוָואלְט אָפְּגֶעבְּן דִי 'מְלוּכָה'** [פַאר] **זַיין זוּהְן בְּחַיָיו** (דְהַיְינוּ: פַאר [בַּיי] זַיין לֶעבְּן)**!**

**הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן 'בַּאל'** [סְעוּדַת מִשְׁתֶּה]**! - אוּן וֶוען דֶער 'מֶלֶךְ' מַאכְט אַ 'בַּאל', אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר 'פְרֵייְלֶעךְ'! - בִּפְרַט הַיינְט, וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי 'מְלוּכָה' זַיין זוּהְן בַּיים לֶעבְּן - אִיז אַוַודַאי גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה!**

**אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'בַּאל', אַלֶע 'שָׂרֵי־מְלוּכָה'! אוּן אַלֶע 'דוּכְּסִים'! אוּן אַלֶע 'שְׂרָרוֹת'! - אוּן מְ'אִיז זֵייעֶר 'פְרֵייְלֶעךְ' גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'בַּאל'!**

**אוּן דִי מְדִינָה הָאט אוֹיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם, וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' גִיבְּט אָפּ דִי 'מְלוּכָה'** [פַאר] **זַיין זוּהְן בַּיים לֶעבְּן, וָוארְן** [וַוייל] **סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶער כָּבוֹד** [פַאר] **דֶעם 'מֶלֶךְ'!**

**אוּן סְ'אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ** [גְרוֹיסֶע] **שִׂמְחָה גֶעוֶוען, אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַלֶע עֶרְלֵיי זַאכְן פוּן 'שִׂמְחָה' - 'קַאפֶּעלְיֶעס', אוּן 'קָאמֶעדְיֶעס'** [פָאֶרְשְׁטֶעלוּנְג]**, אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן! - אוּן אַלְדִינְג וָואס סְ'נוּצְט נָאר צוּ 'שִׂמְחָה', אִיז אַלְץ דָארְט גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'בַּאל'!**

**אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר 'פְרֵייְלֶעךְ' גֶעוָוארְן - הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם זוּהְן: "בַּאֲשֶׁר** [אַזוֹי־וִוי] **אִיךְ בִּין אַ 'שְׁטֶערְן־זֶעהֶער' - זֶעה אִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט אַמָאל אַרָאפּ** [גֵיין] **פוּן דֶער 'מְלוּכָה'! - בְּכֵן** [דֶעריבֶּער] **זָאלְסְטוּ זֶעהְן: אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין 'עַצְבוּת'**

(דְהַיְינוּ: קַיין 'טְרוֹיעֶרִיגְקַייט') **אַז** [וֶוען] **דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פוּן דֶער 'מְלוּכָה'! - נָאר דוּ זָאלְסְט 'פְרֵייְלֶעךְ' זַיין! - אוּן אַז דוּ וֶועסְט 'פְרֵייְלֶעךְ' זַיין, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ 'פְרֵייְלֶעךְ' זַיין!**

[אוּן] **אֲפִילוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן 'עַצְבוּת' - וֶועל אִיךְ אוֹיךְ 'פְרֵייְלֶעךְ' זַיין,** [אוֹיף דֶעם] **וָואס דוּ בִּיזְט קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט! - וָוארְן** [וַוייל] **דוּ קֶערְסְט** [פַּאסְט] **זִיךְ קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט צוּ זַיין, וָוארְן** [וַוייל] **דוּ בִּיזְט זִיךְ נִישְׁט 'פְרֵייְלֶעךְ'!** - (כְּלוֹמַר: אַז [אוֹיבּ] דוּ בִּיזְט אַזוֹי אַ [אַזַא סָארְט] מֶענְטְשׁ, וָואס דוּ קֶענְסְט דִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] 'פְרֵייְלֶעךְ' זַיין, אֲפִילוּ אַז [וֶוען] דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן דֶער 'מְלוּכָה' - קֶערְסְטוּ נִישְׁט [בִּיזְטוּ נִישְׁט פַּאסִיג צוּ] זַיין קַיין 'מֶלֶךְ').

**לוּשְׂמִיר** [אָבֶּער] **אַז דוּ וֶועסְט 'פְרֵייְלֶעךְ' זַיין, וֶועל אִיךְ 'מְשׁוּנֶה** [עֶקְסְטֶער שְׁטַארְק] **פְרֵייְלֶעךְ' זַיין"!**

**[אוֹת ב] הָאט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אָפְּגֶענוּמֶען** [אִיבֶּערְגֶענוּמֶען] **דִי 'מְלוּכָה' זֵייעֶר שַׁארְף!** [שְׁטַארְק אוּן מֶעכְטִיג] **- אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט 'שָׂרֵי־מְלוּכָה'! אוּן הָאט גֶעהַאט 'דוּכְּסִים'! אוּן 'שָׂרִים'! אוּן 'חַיִל'** [מִילִיטֶער]**!**

**אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אִיז גֶעוֶוען אַ 'חָכָם'! אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט 'חָכְמָה'! - אוּן סְ'אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען 'גְרוֹיסֶע חֲכָמִים'! - אוּן וֶוער סְ'אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס אַ 'חָכְמָה', אִיז עֶר בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען! - אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גֶעבְּן גְרוֹיס 'כָּבוֹד' אוּן 'עֲשִׁירוּת' פַאר דֶער 'חָכְמָה'! - וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן! - אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט 'גֶעלְט', הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן 'גֶעלְט'! - אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט 'כָּבוֹד', הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן 'כָּבוֹד'! - אַלְץ פַאר דֶער 'חָכְמָה'!**

**אוּן מַחֲמַת** [וַוייל] **סְ'אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען 'חָכְמָה', הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע גֶענוּמֶען צוּ 'חָכְמָה' - אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין 'חָכְמוֹת', וָוארְן** [וַוייל] **דֶער הָאט גֶעוָואלְט 'גֶעלְט', כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען 'גֶעלְט' דֶערְפַאר, אוּן דֶער הָאט גֶעוָואלְט 'חֲשִׁיבוּת' אוּן 'כָּבוֹד'.**

**אוּן מַחֲמַת** [וַוייל] **זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין 'חָכְמוֹת', אִיבֶּערְדֶעם** [צוּלִיבּ דֶעם] **הָאבְּן זֵיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה פַארְגֶעסְן 'תַּכְסִיסֵי־מִלְחָמָה'** (כְּלוֹמַר: וִויאַזוֹי אַ 'מִלְחָמָה' צוּ פִירְן)**! - וָוארְן** [וַוייל] **זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין 'חָכְמוֹת'!** - [בִּיז אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער מְדִינָה, זֶענֶען גֶעוָוארְן 'גְרוֹיסֶע חֲכָמִים']**! - בִּיז דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן דֶער** [דָאזִיגֶער] **מְדִינָה, אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אַ אַנְדֶערֶע מְדִינָה. אוּן דִי**

חֲכָמִים פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה, זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר 'וִוילְד־גְרוֹיסֶע חֲכָמִים'!

וּמַחֲמַת [אוּן צוּלִיבּ] דִי 'חָכְמוֹת', זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה, אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין! – אוּן הָאבְּן דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ', אוֹיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין!

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶעם 'פְּרָאסְטְן עוֹלָם' [פַאר דִי פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן], הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשַׁאדְט! זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין! – וָוארְן [וַוייל] סְ'גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס 'טִיפְקַייט' [אוּן 'אֵיידְלְקֵייט'] אִין זֵייעֶר 'חָכְמָה' פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'חֲכָמִים'! – [דֶערִיבֶּער] הָאט דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע 'חָכְמוֹת'! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט עֶס זֵיי נִישְׁט גֶעשַׁאדְט! – [אוּן] נָאר דִי 'חֲכָמִים', אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', זֶענֶען 'אַפִּיקוֹרְסִים' גֶעוָוארְן [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

[אוֹת ג] אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', מַחֲמַת [וַוייל] סְ'אִיז אִין אִים גֶעוֶוען 'טוֹב', וָוארְן [וַוייל] עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט 'טוֹב', אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט 'גוּטֶע־מִדוֹת' – פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶעמָאל: "וווּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט! וָואס טוּה אִיךְ"?! – אוּן פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ טָאן! אוּן פְּלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן דֶערוֹיף!

עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען: "וָואס טַייטְשׁ אִיךְ זָאל פַארְגֵיין אִין אַזוֹינֶע זַאכְן?! – וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר?! – וווּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט"?! – אוּן פְּלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן!

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] תֵּיכֶּף ווִיבַּאלְד עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נוּצְן מִיט זַיין 'שֵׂכֶל' – אִיז ווִידֶער בַּיי אִים שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דִי 'חָכְמוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת'!

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען כַּמָּה פְּעָמִים – וָואס עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ אַלְץ צוּ דֶערְמַאנֶען: "וווּ אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט, וָואס טוּט עֶר" וְכוּ' כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן פְּלֶעגְט קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן! – נָאר תֵּיכֶּף ווִי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נוּצְן מִיט דֶעם 'שֵׂכֶל', אִיז בַּיי אִים ווִידֶער שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דָאס 'אַפִּיקוֹרְסוּת' כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

## פֶּרֶק ב – דִי 'פַארְלוֹירֶענֶע קִינְדֶערְלֶעךְ'

[אוֹת א] וַיְהִי הַיּוֹם! – אוּן סְ'גֶעוֶוען אַ 'בְּרִיחָה' [אַנְטְלוֹיפוּנְג] אִין אַ מְדִינָה, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּלָאפְן גֶעוָוארְן!

ווִי זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ אַ 'וַואלְד'! – הָאבְּן זֵיי דָארְט פַארְלוֹירְן 'צְוֵויי קִינְדֶער', אַ 'זָכָר' אוּן אַ 'נְקֵבָה'! – אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ 'זָכָר'! אוּן אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ 'נְקֵבָה'! – אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען 'קְלֵיינֶע קִינְדֶער', פוּן 'פִיר־פִינֶעף יָאהְר'.

דִי 'קִינְדֶערְלֶעךְ' הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן! – הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט! וָוארְן [וַוייל] זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן!

[אוֹת ב] דֶערְוַוייל אִיז צוּ זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אַ 'בֶּעטְלֶער', עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי טָארְבֶּעס [זֶעק]! – הָאבְּן דִי 'קִינְדֶער' אָנְגֶעהוֹיבְּן טְשֶׁעפְּן זִיךְ [נָאנְט וֶוערְן] צוּ אִים, אוּן צוּ טוּלְן [נָאכְשְׁלֶעפְּן] זִיךְ צוּ אִים! – הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן 'בְּרוֹיט', הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן!

הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶעט קוּמְט אִיר אַהֶער"?! – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר וֵוייסְן נִישְׁט"! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער! – הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן זֵיי! – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ"! – הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "דָאס וִויל אִיךְ נִישְׁט, אַז אִיר זָאלְט גֵיין מִיט מִיר"!

דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גֶעטָאן, אִיז דֶער 'בֶּעטְלֶער' 'בְּלִינְד'! – אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען: "אַז עֶר אִיז 'בְּלִינְד', ווִיאַזוֹי וֵוייסְט עֶר צוּ גֵיין"?! – (אוּן צוּם אֱמֶת, אִיז דָאס אַלֵיין אַ חִידוּשׁ, וָואס דִי קִינְדֶער אִיז דָאס קָשֶׁה גֶעוֶוען, וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען – לוּשְׁמִיר [נָאר] זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלוּגֶע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען).

הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט (דֶער 'בְּלִינְדֶער־בֶּעטְלֶער'): "אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ, אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ"! – אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאךְ 'בְּרוֹיט', אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען"!

הָאבְּן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ הָאט אוֹיף זֵיי 'הַשְׁגָּחָה' גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט אַהֶער אַ 'בְּלִינְדְן־בֶּעטְלֶער', עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶסְן"!

דֶערְנָאךְ! אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס 'בְּרוֹיט'! – הָאבְּן זֵיי ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן: [אַז זֵיי דַארְפְן] 'עֶסְן'!

דֶערְנָאךְ! אִיז גֶעוָוארְן 'נַאכְט'! – הָאבְּן זֵיי דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט! – אִינְדֶערְפְרִי! הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער נִישְׁט גֶעהַאט צוּ עֶסְן! – הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט!

[אוֹת ג] דֶערְוַוייל! אִיז ווִידֶער אָנְגֶעקוּמֶען אַ 'בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'טוֹיבֶּער'! – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֶעדְן! – וַוייזְט עֶר זֵיי מִיט דִי 'הֶענְט', אוּן זָאגְט צוּ זֵיי: "אִיךְ הֶער גָארְנִישְׁט"! – אוּן דֶער 'בֶּעטְלֶער' הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן 'בְּרוֹיט' צוּ עֶסְן – אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן זֵיי!

הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעוָואלְט: "אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ"! – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט! – אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ

גֶעבֶּענְטְשְׁט: ״אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ״! – אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעלָאזְט ׳בְּרוֹיט׳! – אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

[אוֹת ד] דֶערְנָאךְ! אִיז בַּיי זֵיי דָאס ׳בְּרוֹיט׳ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען! הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעשְׁרִיגְן כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ ׳בֶּעטְלֶער׳, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳כְּבַד־פֶּה׳ (כְּלוֹמַר: עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְפְּלְט [גֶעשְׁטַאמְלְט - נִישְׁט גֶערֶעדְט קְלָאר] מִיט דֶעם מוֹיל)! – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן, הָאט עֶר גֶעשְׁטַאמְפְּלְט [גֶעשְׁטַאמְלְט] זַיינֶע רֵייד! – הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעווָאוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט יָא גֶעווָאוּסְט וָואס זֵיי רֶעדְן! – נָאר זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווָאוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, וָוארְן עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְפְּלְט!

הָאט דֶער ׳בֶּעטְלֶער׳ זֵיי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן ׳בְּרוֹיט׳ צוּ עֶסְן, אוּן אִיז זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט: ״אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי־וִוי עֶר״! – אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

[אוֹת ה] דֶערְנָאךְ! אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ ׳קְרוּמֶען־הַאלְז׳! – אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

דֶערְנָאךְ! אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳ אַ ׳הוֹיקֶער׳ [אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶע פְּלֵייצֶעס]!

דֶערְנָאךְ! אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳ ׳אָן־הֶענְט׳!

דֶערְנָאךְ! אִיז גֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳ ׳אָן־פִּיס׳!

אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן ׳בְּרוֹיט׳, אוּן הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט: ״אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי־וִוי עֶר, גָאר אַזוֹי־וִוי יֶענֶע ׳בֶּעטְלֶערְס׳״, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

[אוֹת ו] דֶערְנָאךְ! אִיז בַּיי זֵיי ווַייטֶער דָאס ׳בְּרוֹיט׳ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען! – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין ׳יִשּׁוּב׳ אַרַיין, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳וֶועג׳!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מִיט ׳דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג׳, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ דָארְף! – זֶענֶען דִי ׳קִינְדֶער׳ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין, הָאט מֶען אוֹיף זֵיי ׳רַחֲמָנוּת׳ גֶעהַאט, אוּן מְ׳הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן ׳בְּרוֹיט׳!

זֶענֶען זֵיי ווַייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, הָאט מֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן ׳בְּרוֹיט׳!

פְּלֶעגְן זֵיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער! – הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: סְ׳גוּט, מְ׳גִיבְּט זֵיי ׳בְּרוֹיט׳!

הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְווִישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט: ״אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] זַיין אִינְאֵיינֶעם״! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע ׳טָארְבֶּעס׳, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי ׳הַייזֶער׳! – אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע ׳שִׂמְחוֹת׳! אוֹיף ׳בְּרִית׳ן׳! אוּן אוֹיף ׳חֲתוּנוֹת׳!

אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען ווַייטֶער! אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין ׳שְׁטֶעט׳ אַרַיין! אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי ׳הַייזֶער׳! אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי ׳יְרִידִים׳! – אוּן פְּלֶעגְן זִיצְן צְווִישְׁן דִי ׳בֶּעטְלֶערְס׳, אַזוֹי־וִוי זֵיי זִיצְן דָארְט אוֹיף דִי ׳פְּרִיזְבֶּעס׳ [שְׁטֵיינֶערְנֶע בֶּענְק], מִיט דִי ׳טֶעלֶער׳ [צוּ זַאמְלְן גֶעלְט דֶערִין]!

בִּיז דִי ׳קִינְדֶער׳ זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען מְפוּרְסָמִים בַּיי אַלֶע ׳בֶּעטְלֶערְס׳ – וָוארְן אַלֶע הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט! אוּן הָאבְּן פוּן זֵיי גֶעווָאוּסְט, אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אִין ׳וַואלְד׳ כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

[אוֹת ז] אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ ׳גְרוֹיסֶער יְרִיד׳, אִין אַ גְרוֹיסֶער שְׁטָאט – זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע ׳בֶּעטְלֶערְס׳, אוּן דִי ׳קִינְדֶער׳ זֶענֶען אוֹיךְ אַהִינְגֶעגַאנְגֶען – אִיז גֶעקוּמֶען דִי ׳בֶּעטְלֶערְס׳ אוֹיף דֶער דֵעָה [גֶעדַאנְק]: ״אַז זֵיי זָאלְן מְשַׁדֵּךְ זַיין דִי ׳צְוֵוי קִינְדֶער׳, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע נֶעמֶען! – אוּן תֵּיכֶף וִוי מְ׳הָאט אָנְגֶעהוֹבְּן דֶערְפוּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, אִיז דָאס זֵיי אַלֶע זֵייעֶר גֶעפֶעלְן! – הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען!

[אוֹת ח] לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] וִוי [ווִיאַזוֹי] מַאכְט מֶען זֵיי חֲתוּנָה?! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: ״בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] אִין דֶעם אוּן דֶעם טָאג, וֶועט זַיין בַּיים ׳מֶלֶךְ׳, ׳מִינִינֶעס׳ [גֶעבּוּרְטְסְטָאג], וֶועלְן אַהִינְגֵיין אַלֶע ׳בֶּעטְלֶערְס׳, וֶועלְן זֵיי זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְבֶּעטְן ׳קוֹילִיטְשׁ׳ [גְרוֹיסֶע ׳חַלּוֹת׳ גֶעאֵייגְנְט אוֹיף חֲתוּנוֹת] אוּן ׳פְלֵייש׳ – דֶערְפוּן וֶועט מֶען זֵיי מַאכְן חֲתוּנָה״!

אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען – זֶענֶען אַלֶע ׳בֶּעטְלֶערְס׳ גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי ׳מִינִינֶעס׳ [גֶעבּוּרְטְסְטָאג פוּנֶעם קֶענִיג], אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן ׳פְלֵייש׳ אוּן ׳בְּרוֹיט׳, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ פַארְנוּמֶען [צוּזַאמְגֶענוּמֶען] וָואס סְ׳אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן דֶער סְעוּדָה, ׳פְלֵייש׳ אוּן ׳קוֹילִיטְשׁ׳!

אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן אַ גְרוֹיסְן ׳גְרוּבּ׳, וָואס סְ׳זָאל אִין אִים קֶענֶען אַרַיין ׳הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן׳ – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶעדֶעקְט מִיט ׳פְּרוּטֶעס׳ [שְׁטֶעקְעלֶעךְ]! אוּן מִיט ׳עֶרְד׳! אוּן מִיט ׳מִיסְט׳!

אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין אַלֶע אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעמַאכְט ׳חֲתוּנָה׳ דִי קִינְדֶער! – אוּן זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁטֶעלְט אַ ׳חוּפָּה׳! – אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵייְלֶעךְ גֶעוֶוען! – אוּן דִי ׳חָתָן־כַּלָּה׳ זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵייְלֶעךְ גֶעוֶוען!

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________________

טעלעפון ______________________

שטאט ______________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די דרייצנטע מעשה (1) - פון די זיבן בעטלירס (אנהייב)

**א. שאלת זכות: וועלכע חודש האט דער רבי אנגעהויבן דערציילן די מעשה?** (זיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)

- ❑ אלול
- ❑ אדר
- ❑ סיון

**ב. פארוואס האט דער קעניג געמאכט א סעודה?**

- ❑ ווייל ער האט געזיגט א מלחמה
- ❑ ווייל ער האט איבערגעגעבן די מלוכה פאר זיין זוהן
- ❑ לכבוד זיי געבורטס'ס טאג

**ג. וועלכע זאכן פון שמחה איז דארטן געווען?**

- ❑ קאפעלייעס
- ❑ קאמעדייעס
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס זאגט ער פאר זיין זוהן צו טוהן ווען ער וועט אראפ פון דער מלוכה?**

- ❑ אנטלויפן פון די מדינה
- ❑ ער זאל נישט לאזן א צווייטן זיין א מלך
- ❑ ער זאל זיין פרייליך

**ה. וואס האט דער בן המלך זייער ליב געהאט?**

- ❑ צו שיכור'ן
- ❑ אסאך כבוד
- ❑ חכמה

**ו. וואס האט דער קעניג געגעבן פאר א חכמה?**

- ❑ געלד
- ❑ כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט מען פארגעסן אין די מדינה?**

- ❑ זייער לערנען
- ❑ תכסיסי מלחמה
- ❑ זייער חכמה

**ח. וואס האט פאסירט צום בן המלך און צו די גרויסע חכמים?**

- ❑ זיי זענען ארייגעפאלן אין אפיקורסות
- ❑ זיי זענען שוואך געווארן
- ❑ זיי האבן זיך געשטארקט אין עבודת השם

**ט. וואו זענען די קינדער פארלוירן געווארן?**

- ❑ אין א שטאט
- ❑ אין א מדבר
- ❑ אין א וואלד

**י. וואס איז געווען דער ערשטער בעטלער?**

- ❑ א בלינדער
- ❑ א טויבער
- ❑ א כבד פה

**יא. וואס האט זיי דער בעטלער געוואונטשן**

- ❑ גרויסע עשירות
- ❑ זיי זאלן טרעפן זייער עלטערן
- ❑ זיי זאלן זיין אזוי אלט וואו אים

**יב. וואס האט זיי דער בעטלער איבערגעלאזט**

- ❑ ברויט
- ❑ וואסער
- ❑ פרוכט

**יג. וואס איז געווען דער פערדער בעטלער?**

- ❑ א הויקער
- ❑ א קרומער האלדז
- ❑ אן הענט

**יד. וויאזוי האבן זיי געהאט עסן אויף די חתונה?**

- ❑ זיי האבן געבעטן ברויט און פלייש פון די סעודה פון מלך
- ❑ זיי האבן גענומען וואס ס'איז געבליבן פון די סעודה פון מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וואו איז געווען די חתונה?**

- ❑ אין א גרויסע זאל
- ❑ אין א שול
- ❑ אין א גרויסע גרוב

**טז. שאלת זכות: וואס איז דער סדר פון די בעטלערס?**

- ❑ א בלינדער, א טויבער, א כבד פה, א הויקר, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.
- ❑ א טויבער, א בלינדער, א כבד פה, א הויקר, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.
- ❑ א טויבער, א כבד פה, א בלינדער, א הויקר, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.

**יז. שאלת זכות: וויפל מאל ווערט דערמאנט שמחה/שמחות/פרייליך אין די מעשה ביז דא?**

- ❑ צען
- ❑ נייצן
- ❑ צוואנציג

# משנכנס אדר מרבים בשמחה - מיט פיל הצלחה

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

צו מאכן די בחינה און ארייין גיין אין גורל רוף די טעלעפאן ליין 02-5-3333-72 L3233287@gmail.com